# קום אַרויס פֿון שטוב

קום אַרויס פֿון שטוב, מײַן פֿרײַנד,
איך וואַרט אויף דיר מיט אָרעמס אָפֿן,
אַלע שלעכטע יאָרן אָפּגעמעקט,
אַלע ווייטיקן אַנטלאָפֿן.

עס הויבן זיך די פֿיס צום טאַנץ,
דער יום-טובֿ איז דאָך גרויס
מיט דײַן פּלייצע אויסגעגלײַכט,
קום, מײַן פֿרײַנד, פֿון שטוב אַרויס

נעם די האַנט, איך שטרעק דיר אויס
קום ניט מיר אין שול צוזאַמען,
לאָמער דאַנקען און לויבן גאָט
ווי אַ טאַטע מיט אַ מאַמען.

דער שׂונא ליגט שוין אויסגעצויגן,
און זײַן שווערד אין דײַנע הענט

לאָמיר זיך מײַן פֿרײַנד, צעקושן,
דעם שׂונאס פּאַלאַץ ברענט.

אַלע דזשאָנגלס ווערן פֿרײַ,
אַלע חיות אין די שטײַגן
לאָמיר דאַנקען גאָט צוזאַמען
און אויסמעקן אַלע לײַדן.

אונדזערע זין וועלן באַלד
זיגרײַכע אָנקומען
לאָמיר זיי אַנטקעגן גיין
מיט די שיינע פֿרישע בלומען.

אויסגעווישט טרערן, פֿרײַנד,
די טרויער-לידער שטומען
הײַנט זינגען מיר נאָר פֿון פֿרייד
פֿון גוטע יאָרן וועלכע קומען.